בעזהשי"ת

ספר

# שנה ראשונה

די פילצאליגע הלכות וואס זענען נוגע ווען
מען הייבט אן בויען א אידישע שטוב

**אין א לייכטע אידישע שפראך**

ברוב רחמיו וחסדיו ית"ש ע"י
**נחום צבי מאיר ראזענפעלד**
מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א
מח"ס שלחן השבת, הפרשה בהלכה ב"כ
ממונם של ישראל ב"כ, ומו"ל גליוני הליכות החיים

מרחשון ה'תשע"ט

## סימן ה

# הלכות פון א שטריימל שבת

### אריינלייגן א שטריימל אינעם האלטער

(א) מען מעג אריינלייגן שבת דעם שטריימל אינעם האלטער, און עס איז נישטא קיין איסור פון "קיפול בגדים" (צוזאמענלייגן קליידער), כאטש די האר זענען אביסל צעשפרייט און עס וועט ווערן צוזאמענגענומען, אבער אויב עס איז שטארק צעשפרייט זאל מען עס נישט אריינלייגן[א].

### אויב עס איז נאס געווארן

(ב) אויב דער שטריימל איז שטארק נאס פון רעגן, טאר מען עס נישט צוריק אריינלייגן אינעם האלטער, ווייל עס קען זיך אויסקוועטשן און עס איז דא אן איסור פון "סחיטה" (אויסקוועטשן).

### ארויסקלויבן ברעקלעך פונעם שטריימל

(ג) מען מעג אויסשאקלען ברעקלעך פון א שטריימל, וואס ליגן פון אויבן, אבער אויב עס איז טיפער אינעם שטריימל איז כדאי אז מען זאל עס נישט אויסשאקלען, צוליב א חשש פון "בורר" (אויסקלויבן).

(ד) מען קען אבער אריינשטעקן די האנט אינעם שטריימל עס צו האלטן אפן אז די ברעקלעך זאלן אליין ארויספאלן[ב],

---

(א) עיין שו"ת באר משה ח"ה סי' ע"ג שו"ת אז נדברו ח"ח סי' כ"ח, וששכ"ה פט"ו הע' קס"ו ועיין רביד השלחן עמוד עד"ר ובספר טל ברכה מלאכת מלבן.

(ב) עי' ספר נשמת שבת הלכות בורר (סימן קפ"א) ובשו"ת חיי הלוי ח"ה (סימן ל"ד) מש"כ שם, ועיין ספר שבת כהלכה פי"ב סכ"ט ושם באות ק"א דלכתחילה

אדער קען מען אנכאפן די ברעקלעך שמוץ מיט די פינגער און אוועקשלעפן דעם שטריימל מיט דער אנדערער האנט[ג].

**אויסקעמען א שטריימל**

(ה) מען טאר נישט שבת אויסקעמען א שטריימל, ווייל עס קען זיך ארויסרייסן א האר וואס דאס איז אסור צוליב "תולש" (אפרייסן).

**אראפנעמען אנגעקלעבטע שמוץ**

(ו) אויב עס האט זיך אנגעקלעבט שמוץ אויפ'ן שטריימל, זאל מען עס נישט אראפנעמען אויב עס איז זיכער אז עס וועט זיך דורך דעם אויסרייסן האר[ד].

**ארײנלייגן א צעטל מיט א "סעיפטי פין"**

(ז) מען מעג שבת באהעפטן צום שטריימל א צעטל מיט'ן נאמען מיט א "סעיפטי פין", אבער מען זאל עס דורכשטעכן נאר איין מאל, אבער אויב מען קען נישט מעג מען עס דורכשטעכן אויך צוויי מאל און מען זאל אינזינען האבן אז מען וועט עס ארויסנעמען באלד נאך שבת.

**ארויסגיין מיט א ספאָנדזש אינעם שטריימל**

(ח) מען מעג שבת ארויסגיין, אויף א פלאץ וואו עס איז נישטא קיין עירוב, מיט א ספאָנדזש אדער א שטיקל פאפיר א.ד.ג.

---

ינערנו בידו לאלתר סמוך להשימוש עד שיצאו הפירורים משם, ומבאר בהע' שם דבאמת יש לומר דבמחובר אין שייך בורר ושערות השטריימל י"ל דהוה כמו מחובר, ועוד דמבואר בפוסקים דאין בניקוי דברים משום בורר, וע"ע בששכ"ה פ"ג הע' מ"ח.

(ג) נשמת שבת שם, שעי"ז הוא אוכל מתוך פסולת ביד ולאלתר, כיון שמשתמש אז עם השטריימל.

(ד) כן הדין אם השערות מודבקים שם בתולדה, עיין ט"ז סוף סי' של"ו לגבי מי שיש לו מלבוש שנעשה מעור בהמה שיזהר שלא יתלוש ממנו השערות.

אינעם הוט אדער שטריימל וואס מאכט אז עס זאל בעסער ליגן אויפ'ן קאפ, און עס איז נישטא דערביי קיין איסור פון "הוצאה" (טראגן), ווייל עס ווערט בטל צום שטריימל און הוט[ה].

## א צעטל מיט'ן נאמען אינעם שטריימל

(ט) מען מעג ארויסגיין מיט א שטריימל וואס עס איז באהאפטן דערין א צעטל מיט'ן נאמען מיט א "סעיפטי פין" א.ד.ג. אפילו אויב עס איז נישט צוגענייט[ו].

## א פלאסטיק אויפ'ן שטריימל

(י) מען זאל אבער נישט ארויסגיין שבת מיט א פלאסטיק אויפ'ן שטריימל (צ.ב.ש. ווען עס רעגנט אדער שנייט) וויבאלד עס איז נישט קיין מלבוש וואס איז געמאכט צו באשיצן דעם מענטש (נאר דעם שטריימל), און עס ווערט נישט בטל צום שטריימל[ז].

(יא) מען מעג אבער אנטון די סארט מאנטלען וואס קומען מיט א שטיקל פלאסטיק פאר'ן שטריימל, וויבאלד עס איז געמאכט צו באשיצן אויך דעם גוף פון רעגן א.א.וו. און עס

---

(ה) עיין ששכ"ה פי"ח הע' פ"ט ובשו"ת משנה הלכות ח"ד סי' ל"ט, ויש לעיין אם מניחו שם ובדעתו להסירו מיד לאחר שבת אם ג"כ מותר, ולכאורה יש להקל.

**ועי'** ששכ"ה פי"ח סכ"א דלכתחילה יכניסו לתוך הכובע מבעו"י. וכמובן שאם מניח לתוך השטריימל איזה נייר וכדו' כדי שיוכל להוציאו ולא לצורך הלבישה דזה וודאי דאסור.

(ו) דאם הוא שתי תחיבות בוודאי דשרי, כמבואר שועה"ר סי' ש"א סכ"ג ששני תכיפות חשובין חיבור, ועיין רביד השלחן (מערכת השיעורים לסי' ש"א אות י"ג) ובספר מכון לשבתך (שם) שנראה להכריע שאפי' בתחיבה אחד בטל להבגד, ושכן מוכח משו"ת אגרות משה או"ח ח"ג סי' ח'.

(ז) כן דעת הרבה גדולי הפוסקים דאסור כיון שהוא רק לאצולי מטינוף, ויש פוסקים שמקילים שאם הכיסוי עשוי בדיוק כמדת השטריימל מיקרי דרך מלבוש, מ"מ אם יש לחוש שאם יפסק הגשם יסירנו מיד בוודאי אסור, ויש מקילים גם בזה שאין לנו לגזור גזירות חדשות.

איז אזוי ווי א מלבוש, וואס עס איז נישטא דערביי קיין איסור פון "הוצאה".

**אויב דער שטריימל איז אראפגעפאלן**

**אויב דער שטריימל איז אראפגעפאלן וואו עס איז נישטא קיין עירוב**

(יב) אויב מען גייט אויף א פלאץ וואו עס איז נישטא קיין עירוב און דער שטריימל איז אראפגעפאלן, זאל מען זיך אפשטעלן און עס אזוי אנטון, און מען זאל אכטונג געבן נישט צו גיין קיין ד' אמות מיטן שטריימל אין האנט.